# אין יידישן וואָרט: נייע איבערזעצונגען

בערנאַרד מאַלאַמוד



## דער יידישער פויגל

דאָס פענצטער איז געשטאַנען אָפן. איז אַרייַנגעפלויגן אַ דאַרער פויגל. מיט צעשויבערטע פליגל. אַזוי גייט עס. ס׳איז אָפן – ביסטו אינעווייניק. פאַרמאַכט – ביסטו אינדרויסן, אַזאַ איז דיין גורל. דער פויגל האָט מיר אַרייַנגעפלאַטערט דורכן פענצטער פון דער קיך אין דער דירה פון האַרי כהן אויפן העכסטן שטאָק פון הויז אויף דער ערשטער עווענױ, לעבן דעם דרומדיקן טייל פון איסט־ריווער. אויף אַ שטעקן אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ שטייג פון אַן אַנטלאָפענעם פּאָפּוגיי, דאָס טירל ברייט אָפן, אָבער דער לאַנגער, שוואַרצער שנאָבלדיקער פויגל – מיטן צעשויבערטן קאָפּ פעדערן און קליינע נודנע אייגעלעך, האָט זיך אַביסל אַרומגעדרייט, האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט געווען אַ קראָ. ער האָט געלאַנדעט, נישט אַזוי אויף כהנס שעפּסענעם קאָטלעט, ווי דערנבען. דער סוחר פון פאַרפרוירן־עסנוואַרג האָט געגעסן וועטשערע מיט זיין ווייב און יונגן זון. דאָס איז געשען איין הייסן אויגוסט מיט אַ יאָר צוריק.

כהן, אַ שווערלייביקער מענטש, מיט אַ האָריקן ברוסטקאַסטן, אָנגעטאָן אין ברייטע קורצע הייזלעך; אידי, זיין ווייב – אין קליינע געלע, קורצע הייזלעך מיט אַ רויטן ביוסטהאַלטער, און זייער צען־יעריקער מאָריס (אַ נאָמען נאָך איר טאַטן). מאָרי האָט מען אים גערופן, אַ פיין בחורל, אָבער נישט צו קלוג. זענען אַלע, הייסט עס, געווען אין שטאָט נאָך אַ צוויי־וואָכיקער אָפּוועזנהייט, צוליב דעם וואָס כהנס מאַמע האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. זיי האָבן הנאה געהאַט פון קינגסטאָן, ניו־יאָרק, אָבער זיי האָבן זיך געמוזט צוריקקערן ווען כהנס מאַמע איז קראַנק געוואָרן. זי האָט געוואוינט אין דער בראָנקס.

״גלייך אויפן טיש!״ האָט כהן געזאָגט, אַוועקשטעלנדיק זיין גלאָז ביר, און גענומען דעם פליגן־כאַפּער צום פויגל. ״הינטישער זון!״

״הערי! היט זיך מיט דיין שפּראַך״, האָט געזאָגט אידי, קוקנדיק אויף מאָרין, וועלכער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון טאַטנס באַוועגונגען.

דער פויגל האָט געכריפּעט שווערלעך, געפלאַטערט מיט די צעשויבערטע פליגל, האָט זיך אַ הייב געטאָן אין דער הייך און זיך געזעצט אויף דער אייבערשטער טייל פון קיכטיר און גענומען אַראָפּקוקן.

״געוואַלד! אַ פּאָגראָם!״

״אַ פויגל וואָס רעדט?״ האָט אידי אַרויסגערעדט מיט גרויס חידוש.

---

איבערגעזעצט פון ענגליש: מרים שמולעוויטש־האָפמאַן

״אויף יידיש!״ האָט געזאָגט מאָרי.

״חכם פון דער מה נשתנה״, האָט אונטערגעבאָמבלט אונטערן אָטעם כהן, בעת ער האָט געזויגן דעם מאַרך פון די ביינער.

״נו! אַז דו קענסט שוין יאָ רעדן, איז לאָמיך הערן וואָס דו האָסט צו דערציילן. וואָס ווילסטו דאָ ביי אונדז?״

״אַז דו קענסט זיך נישט טיילן מיט דיין קאָטלעט״, – האָט געזאָגט דער פויגל, – ״וועל איך שוין איינגיין אויף אַ שטיקל הערינג און אַ קרישקע ברויט. מען קען נישט לעבן אייביק אויפן ביסל חוצפּה״.

״דאָס איז נישט קיין רעסטאָראַן״, – האָט זיך כהן אָפּגערופן. – ״אַלץ וואָס איך וויל וויסן איז וואָס האָט דיך אַהערגעבראַכט אויף מיין אַדרעס?״

״אַנטיסעמיטן!״

״אַנטיסעמיטן!״ – אַלע האָבן אויסגעשריגן אין איין קול.

״וואָס פאַראַ אַנטיסעמיטן טשעפּען זיך צו פייגל?״ – האָט געפרעגט אידי.

״פון יעדן מין.״ – האָט געזאָגט דער פויגל. – ״אַריינגערעכנט אָדלער, רויב־פייגל, און פאַלקן. און צומאָל קראָען וואָס ווילן מיר אויסדראַפּן די אויגן״.

״ביסטו דען נישט אַליין אַ קראָ?״

״איך? איך בין אַ יידישער פויגל״.

כהן האָט האַרציק זיך צעלאַכט.

״וואָס מיינסטו דערמיט?״

דער פויגל האָט גענומען דאַווענען. ער האָט געדאַוונט אָן אַ סידור און אָן אַ טלית, אָבער מיט גרויס התלהבות. אידי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אָבער נישט כהן. און מאָרי האָט זיך געשאָקלט אַהין און צוריק צום טאַקט פון דער תפילה, אַרויפקוקנדיק מיט איין אָפן אויג. ווען דער פויגל האָט אָפּגעדאַוונט, האָט כהן זיך אָפּגערופן:

״אָן אַ היטל, אָן אַ תפילין?״

״איך בין אַן אַלטער ראַדיקאַל״.

״ביסט זיכער, אַז דו ביסט נישט עפּעס אַ גייסט אָדער אַ דיבוק?״

״נישט קיין דיבוק!״ – האָט געענטפערט דער פויגל, – ״כאָטש מיינע אַ קרובה האָט יאָ אַדורכגעמאַכט עפּעס אַזוינס. היינט איז עס שוין אין בעסטן אָרדענונג. געלויבט צו גאָט. מ׳האָט פון איר אַרויסגעטריבן אַ דיבוק פון אַ געוועזענעם געליבטן. אַ משוגענער, אייפערזיכטיקער בחור. היינט איז זי אַ מאַמע פון צוויי פרעכטיקע קינדער״.

״דו רעדסט וועגן פייגל?״ – האָט כהן אַריינגעשמוגלט אַ פראַגעלע.

״און פאַרוואָס דאָס נישט?״

״וואָס פאַר אַ פייגל?״

״ווי איך, יידישע פייגל״.

כהן האָט זיך אַ וויג געטאָן אויפן בענקל.

״דאָס איז אַ געלעכטער. כ׳האָב שוין געהערט פון אַ יידישן פיש, אָבער נישט פון קיין יידישן פויגל״.

״זייט אַזוי גוט און גיט מיר כאָטש אַ שטיקעלע הערינג און אַ קריש ברויט״.
אידי האָט זיך אויפגעשטעלט פונעם טיש.
״וואָס טוסטו?״ – האָט זי כהן געפרעגט.
״איך גיי אַראָפּנעמען דאָס געפעס״.
כהן האָט זיך אויסגעדרייט צום פויגל:
״איז ווי הייסטו? אויב ס׳אַרט דיך נישט צו טיילן זיך מיט אונדז״.
״רופט מיך שוואַרץ״.
״ער קען אַמאָל זיין אַן אַלטער ייד וואָס עמעצער האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ פויגל״, – האָט אידי געזאָגט בעת זי האָט אַראָפּגערוימט פון טיש.
״ביסטו?״ – האָט הערי פאַררייכערט אַ ציגאַר.
״ווער ווייסט?״ – האָט געענטפערט שוואַרץ, – ״זאָגט דען גאָט אונדז אויס אַלץ וואָס ער טוט?״
מאָרי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף זיין בענקל:
״וואָס פאַר אַ הערינג ווילסטו?״ – האָט ער געפרעגט דעם פויגל מיט גרויס פאַראַד.
״אַראָפּ פון בענקל, דו קענסט נאָך פאַלן״, – האָט באַפוילן כהן.
״אַז דו האָסט נישט קיין מאַטיעס־הערינג, וועל איך זיך באַנוגענען מיט שמאַלץ־הערינג״.
״אַלץ וואָס מיר האָבן איז מאַרינירטע הערינג אין אַ סלוי מיט ציבעלעס״, – האָט געזאָגט אידי.
״אַז איר וועט עפענען פאַר מיר דעם סלוי, וועל איך עסן מאַרינירטע אויך, אפשר האָט איר, אויב איך שטער אייך נישט, אַ שטיקל קאָרן־ברויט, דעם שפּיץ?״
אידי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט.
״קאָרמע אים אָן אויפן באַלקאָן״, – האָט געזאָגט כהן, – ״און נאָכן עסן געזעגן זיך״.
שוואַרץ האָט צוגעמאַכט ביידע אויגן. ״כ׳בין מיד און ס׳איז אַזאַ לאַנגער וועג״.
״אין וועלכער ריכטונג פאַרנעמסטו זיך, צפון צי דרום?״
שוואַרץ האָט קוים געהויבן מיט די פּלייצעס.
״דו ווייסט ניט וואו דו פליסט?״
״וואו מען וועט האָבן גאָט אין האַרצן, אַהין וועל איך פליען״.
״זאָל ער בלייבן, פּאַפּאַ״, – האָט זיך איינגעבעטן מאָרי, – ״ער איז נישט מער ווי אַ פויגל״.
״נו, בלייב שוין נעכטיקן״, – האָט געזאָגט כהן, – ״אָבער נישט לענגער״.
אינדערפרי האָט כהן געהייסן דעם פויגל צו פאַרלאָזן, אָבער מאָרי האָט געוויינט, איז שוואַרץ געבליבן אויף אַ ווייל. מאָרי האָט נאָך אַלץ געהאַט וואַקאַציע פון דער שול און זיינע פריינט זענען זיך צעפאָרן. ס׳איז אים געווען נודנע און אידי האָט הנאה געהאַט ווען זי האָט געזען ווי ער שפּילט זיך מיטן פויגל.
״ער מאַכט אין גאַנצן נישט קיין צרות״, – האָט זי געזאָגט איר מאַן. – ״אחוץ דעם עסט ער ווי אַ פויגל״.
״וואָס וועסטו טאָן ווען ער וועט אָנהייבן אָנמאַכן אין שטוב?״
״ער פליט אַנטקעגן איבער דער גאַס, זעצט זיך אויף אַ בוים, און מאַכט דאָרט. און אַז קיינער גייט נישט פאַרביי, באַמערקט עס קיינער נישט״.

״זאָל זיין!״ – האָט געזאָגט כהן, – ״אָבער איך בין קעגן דעם. איך וואָרן דיך, אַז לאַנג וועט ער דאָ נישט פאַרבלייבן״.

״וואָס האָסטו קעגן דעם אומשולדיקן פויגל?״

״אומשולדיקער פויגל! אַזוי לאַנג זאָל ער לעבן. ער איז אַ כיטרער פוקס. דער ממזר, רעדט זיך איין, אַז ער איז אַ ייד, אַ יידישער פויגל... אַזאַ חוצפּה. איין פאַלשער קער, און ער פליט פונדאַנען אויף זיינע פולקעס״.

כהן האָט געפּאָדערט דער פויגל זאָל בלייבן אויפן באַלקאָן און וואוינען אין אַ נייעם הילצערנעם נעסט, וואָס אידי האָט געקויפט פאַר אים.

״איך דאַנק אייך האַרציק״ – האָט געזאָגט שוואַרץ, – ״כאָטש איך וואָלט בעסער געוואָלט וואוינען אונטער אַ מענטשלעכן דאַך, ווייסט דאָך ווי עס איז, אין מיין עלטער. איך האָב ליב די וואַרעמקייט, די פענצטער, און דעם ריח פון געקעכץ. כ׳וואָלט אויך אַמאָל געוואָלט אַריינקוקן אינעם יידישן ״מאָרגן־זשורנאַל״, און פון צייט צו צייט מאַכן אַ שנעפסל, ווייל ס׳העלפט צום אָטעם. אַ דאַנקן־גאָט פאַר דעם וואָס איר גיט מיר, וועט איר נישט הערן פון מיר קיין פּיפּס״.

אָבער ווען כהן האָט אים געבראַכט אַ פויגל־טעפּעלע פול מיט טרוקענעם קאָרן, האָט שוואַרץ זיך אָפּגערופן:

״ס׳קומט נישט אין באַטראַכט״.

כהן איז געוואָרן בייז:

״וואָס? דו קאַסאָקע פויגל, ס׳לעבט זיך דיר צו גוט? האָסט שוין פאַרגעסן וואָס עס מיינט אַ וואַנדער־וועג? כ׳וועט זיך מיט דיר, אַז אַנדערע יידן אָדער גויים וואָלטן אָוועקגעגעבן אַ זאַק מיט באָרשט פאַר די קאָרן זערנעס״.

שוואַרץ האָט נישט געענטפערט. וואָס קען מען ענטפערן אַזאַ גראָבן יונג?

״ס׳טויג נישט פאַר מיין מאָגן״, – האָט ער שפּעטער געזאָגט אידין, – ״בויך־ווייטיק. הערינג איז בעסער, ס׳מאַכט דיך דורשטיק, רעגן־וואַסער קאָסט נישט קיין גראָשן״.

מיט הערינג אַ דאַנק אידין, איז ער געוואָרן פאַרזאָרגט, און פון צייט צו צייט אַ שטיקעלע לאַטקע, אפילו אַ שטיקל פלייש פון דער יויך ווען כהן איז נישט געווען דערביי. אין סעפּטעמבער, ווען ס׳האָבן זיך געעפנט די שולן, איידער כהן האָט באַוויזן ווידעראַמאָל פאָדערן מען זאָל פּטור ווערן פון פויגל, האָט זיך אידי איינגעבעטן, ער זאָל בלייבן ביז מאָרי וועט זיך צוגעוואוינען צום נייעם שול־יאָר. שוואַרץ האָט זיך אונטערגענומען צו האַלטן אַן אויג אויף מאָריס לעקציעס. ער איז געזעסן אויף מאָרי׳ס טיש און אויסגעשריבן די היימאַרבעט. ער האָט זיך אויך צוגעהערט ווען מאָרי האָט געגרימפּלט אויפן פידל. שפּעטער האָבן זיי געשפּילט דאָמינאָ. מאָרי איז געוואָרן אַ בעסערער תלמיד און אפילו זיין פידל שפּילן האָט זיך פאַרבעסערט.

״אויב ס׳וועט אַזוי גיין ווייטער, וועלן אים אָננעמען די בעסטע אוניווערסיטעטן אין לאַנד״, – האָט כהן געזאָגט, אָבער שוואַרץ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

״ער איז אַ וואויל יינגל, קיין שיכור און קיין ווייב־שלעגער וועט ער נישט זיין. גאָט זאָל אויסהיטן. אָבער קיין גרויסער למדן אויך נישט, אפשר אַ גוטער מעכאַניקער. ס׳איז נישט קיין שאַנדע היינטיקע צייטן״.

״ווען איך בין דו, וואָלט איך געהאַלטן דעם שנאָבל פאַרמאַכט און זיך נישט אַריינגעמישט אין יענעמס געשעפטן. מיין געדולד פּלאַצט. דער שיקלדיקער פויגל מישט זיך אומעטום אַריין״.

געזען וואו ער האַלט, האָט שוואַרץ זיך אויפגעהערט צו מישן. אידי האָט געשפּירט, אַז דער פויגל איז אומגליקלעך. האָט זי צו אים גערעדט שטילערהייט:

״אפשר ווען דו קומסט אויס בעסער מיט מיין מאַן, וואָלט ער אַביסל נאָכגעגעבן״.

״גיב מיר אַ ביישפּיל״, – האָט שוואַרץ געזאָגט.

״אפשר ווען דו באָדסט זיך, צום ביישפּיל״.

״איך בין צו אַלט צו באָדן זיך. מיינע פעדערן פאַלן אַרויס סיי ווי סיי״.

״ער זאָגט, אַז מען קען דיך דערשמעקן אַ מייל פונדערווייטנס״.

״פאַראַן מענטשן וואָס שטינקען צוליב זייערע מיאוסע געדאַנקען, איך שטינק פון דעם וואָס איך עס. פון וואָס שטינקט ער?״

אין נאָוועמבער איז דער פויגל שיער נישט פאַרפרוירן געוואָרן אויפן באַלקאָן. דער רעוומאַטיזם האָט זיך אין אים אָפּגערופן.

״מיסטער כהן, פאַרוואָס האַסט איר מיך אַזוי?״ – האָט געפרעגט דער פויגל, – ״וואָס האָב איך אייך געטאָן?״

״ווייל דו ביסט אַן אמתע צרה. און נאָך עפּעס, ווער האָט עס אַמאָל געהערט פון אַ יידישן פויגל?״

עס זענען אַריבער וואָכן. דעם טאָג ווען כהנס מאַמע איז געשטאָרבן אין איר דירה אין דער בראָנקס, ווען מאָרי איז אַהיים געקומען מיט אַ נול אויף זיין מאַטעמאַטיק־עקזאַמען, האָט כהן געוואַרט ביז אידי האָט מאָרין גענומען צום לערער פון פידל. ערשט דאַן האָט כהן עפנטלעך אָנגעגריפן דעם פויגל. ער האָט אים נאָכגעיאָגט מיט אַ בעזעם אויפן באַלקאָן און שוואַרץ איז אַרומגעפלויגן ווי אַ צעדולטער אַהין און צוריק. כהן האָט אים אָנגעכאַפּט ביי זיינע דאַרע פיסעלעך. אים אַרומגעדרייט אַרום זיין קאָפּ, אָבער שוואַרץ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און אָנגעכאַפּט כהנס נאָז מיט זיין שנאָבל. כהן האָט זיך צעשריגן אין גרויס ווייטיק, ביז ער האָט זיך באַפרייט פונעם פויגל. ער האָט אים אַראָפּגעריסן פון זיין נאָז, אַרומגעדרייט אים מיט שוואונג אַרום און אַרום, אים אַרויסגעוואָרפן אין דער נאַכט, ביז ער האָט דערהערט דעם קראַך אויפן טראָטואַר. דער פויגל האָט זיך שוין מער נישט צוריקגעקערט.

״דאָס איז דער סוף פון דעם הינטישן זון״, – האָט כהן געטראַכט, – ״גיב אַ קוק אויף מיין נאָז, דאָס האָט דיין שיינער פויגל געמאַכט״, – האָט זיך כהן געקלאָגט ווען אידי און מאָרי זענען אַהיים געקומען.

״וואו איז ער איצט?״ – האָט אידי געפרעגט אַ דערשראָקענער.

״כ׳האָב אים אַרויסגעוואָרפן, און ער איז אַוועקגעפלויגן, פּטור אַן עסק״.

אידי האָט זיך געווישט די אויגן מיט אַ טאַשן־טיכל. פרילינג, ווען דער ווינטער־שניי איז זיך צעגאַנגען, איז מאָרי געגאַנגען זוכן דעם פויגל. ער האָט געפונען אַ טויטן שוואַרצן פויגל לעבן טייך. זיינע פליגל צעבראָכן, זיין האַלדז און נאַקן צעבראָכן, און ביידע אויגן צעפּיקעט.

״ווער האָט עס דיר געטאָן, מיסטער שוואַרץ?״ – האָט מאָרי געוויינט.

״אַנטיסעמיטן!״ – האָט אים אידי שפּעטער אויפגעקלערט.